אונדזער פלאַמיקן גרוס דער העלדישער רויטער ארמיי, די ארמייען פון די פאַרבינדעטע מלוכות, די יידישע סאָלדאַטן אויף אַלע פראָנטן, באַזונ־
דער דער יידישער בריגאַדע — צום טאָג פון נצחון איבער נאַציזם און פאַשיזם.

# די בריק

## 2

שריפט פאר ליטעראטור און קולטור

### אינהאַלט:


צו יצחק־לייבוש פרץ (ליד) — — — — — י. גרינבערג
דער גלגול פון א ביכל (דערציילונג) — — — — ל. חיין
א באגעגעניש מיט י. ל. פרץ — — — — פ. שמואלביץ
צווייַ לידער — — — — — — — רקודה פאָטאַש
קוק נישט אהין, מאמע! — — — — יעקב צבי שארגעל
ראַמען ראָלאַן — — — — — — מרדכי זילבער
א בריוו — — — — — — — ראָמען ראָלאַן
די דיכטערין פון געטאָ — — — — — ש. טענענבוים
* * * (ליד) — — — — — — שלמה שענהויט
ווען גאַצי־בלוט פון מעסער רינט (ליד) — י. מאניק לעדערמאַן
„די פרעמדע און גרילצנדיקע" — — — — א. גוטעס
דאָס יידישע האנטווערקערטום אין פוילן — — מ. קאַכמאַן
נאָטיצן פון א יידישן זעלנער — — — — אברהם בליי
צו מיינע ברידער אין זוניקן לאנד (ליד) — — מ. פאקנטרעגער

### שרייבער און ביכער:

25 יאָר ליטעראריש שאפן פון ל. חיין — — — — י.צ.ש.
טשערניכאָווסקי־פרעמיע און די ראסן־טעאָריע — ה. טורנער
פארשפילטע מאָטיוון — — — — — — י. פירקין
א וואָרט וועגן חורבן גראָדנע — — — — — א. שרפי

### אונדזער קולטור־פראָנט:

א) 75 יאָר יידישע פרעסע אין אמעריקע. / ב) 400 נומערן „דער שפיגל". / ג) וועגן א זאל. / א מסיבה פאר „די בריק".



1945 מאי תל־אביב

# די בריק הגשר

ארויסגעגעבן פון דער .געזעלשאפט פריינט פון יידיש אין א״י״

רעדאקטירט: יעקב־צבי שארגעל, חיים טורנער



אין אלע ענינים פון „די בריק״ זיך ווענדן צו:
פ. שמואלביץ, תל־אביב, רחוב דיזנגוף 249, (ארץ־ישראל)



# די בריק 2

שריפט פאר ליטעראטור און קולטור

תל־אביב מאי 1945


## צו יצחק לייבוש פרץ

פון י. גרינבערג / (חיפה)

פון דיין אוהל פארשוועכט די ווענט,
דאָך זיי לייכטן, ווי דיינע הענט...
און אויף שייטערס וועכטער דיינע,
אין מיין חושך זונען שיינען.
דיינע טרייע פאסטוך־אויגן
פון דיין קבר ארויסגעפלויגן,
אויף „אלטן מארק״ זיי וואכן היינט
נאכט איז דאָרט, קיין שטערן שיינט...
נאָר דאָס מעסער בליצט פון תהום,
ס׳פלעקט מיט בלוט דיין העלן טרוים...
דיין „געבעט״ זיך ווערגט אין דעמער,
אין לעצטן קרעכץ פון שחיטה־לעמער...

— — — — — — —

און די נייטאָרינס דיינע דריי,
ווו זענען זיי? ווו זענען זיי!
בלאנק די שווערד, רויט דער שניי,
ווו זענען זיי? ווו זענען זיי!

— — — — — — —

נאָר „באָנטשע שוויינ״ שוויינט ניט מער!
דערשטיקט אין זיך יעדע טרער,
שרייט און דונערט היינט זיין מויל,
און יעדעס וואָרט — א ביקסן־קויל.
און דו אליין: אין „סערמיענגע״־זאק
פון גארטל שלעפסט דעם צדיקס האק;
שפרייזט און שניידסט זיך איין אין וואלד,
אויף מערדער־קעפ די האק זי פאלט.

— — — — — — —

אָט אזוי דיין „גאָלדענע קייט״
אין יום־טוב פון מאָרגן צעזונגען זי גייט
מיט רינגען מיט נייע פון שטאָל, וואָס
צעגליט —
אויף תליות, אין פייער פון שלאכטן
געשמידט
און רינג צו רינג — די קייט ציט זיך
ווידער!
און דו ביסט די קרוין פון שטאָלענע
ברידער...

# דער גלגול פון א ביכל

## דערציילונג

פון ל. חיין / (חיפה)

### ערשטער קאפיטל

זאוול איז געווען א פשוטער ייד פון א גאנץ יאָר. געווינט האָט ער זיך אין ווארשע אין א קעלער אויף ציגל־גאס. געווען איז ער א סטאָלער, מטופל מיט א גרויסער משפחה. געארבעט בייטאָג אין גאנץ ווארשע; ביינאכט — ביי זיך אין קעלער.

אביסל העכער אין די „שטאָקן" האָט אין זעלבן הויז געווינט יצחק לייבוש פרץ.

דער קעלער, מיט דער בארימטער דירה אין די „שטאָקן" זענען אלע יאָרן געווען פארבונדן איינס מיט דעם אנדערן. די שכינה פון דער אויבערשטער דירה האָט באלויכטן און אויסגעפילט דעם קעלער; דאָס געזאנג פון ארבעט האָט ארויסגעדרונגען פון זאוולס אויסגעהאָרעוועטער נשמה און באשטראלט די אויבערשטע דירה. אינעם קעלער האָט יצחק לייבוש אנטדעקט א שפרודלדיקן קוואל פון יידישן פאָלקסטום; אין דער אויבערשטער דירה האָט זאוול געפונען טרייסט, וואָס האָט אָנגעפילט מיט דעם העלסטן ליכט די מינדסטע עפּארע פון דומפיקן קעלער...

זענען יאָרן געלאָפן ביזן בלוטיקן שקוואל פון 1915, דער אָנהייב פון יידישן חורבן אונטער דער דייטשישער האק, ווען דאָס צעווייטיקטע הארץ פון יצחק לייבושן האָט מער נישט געקאָנט פארנעמען דעם יידישן גרויל און געפּלאצט. חול־המועד־פסח זענען אויסגעלאָשן געוואָרן פרצס ליכטיקע אויגן און ס'איז פינצטער געוואָרן אויך אין זאוולס קעלער....

אין געזאלצענעם ים פון יידישע טרערן און בלוט, וואָס האָט געפּליצט און געברויזט וואָלט אזא זאוול אָפּגעמעקט געוואָרן, ווען נישט דאָס טייערע ביכל „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס יצחק לייבוש פרץ האָט געגעבן במתנה זאוולען. דאָס ביכל האָט אים דערהאלטן ביים לעבן און ארויסגעראטעוועט פון אומעט און פארצווייפלונג, וואָס האָבן אויסגעפילט אלע קעלערס פון די יידישע באלמעלאָכעס און האָרעפּאשניקעס. אז זאוולס משפחה איז געלעגן אין א קופּע, בלוי פון פראָסט און הונגער, ווינטער 1916, און די זאווערוכעס פלעגן פארשיטן די מוטנע פענצטערלעך ביז מען האָט אויפגעהערט צו זען אפילו די שטיקלעך פּיס, פלעגט זאוול אָנרייבן די הענט, ארויסנעמען פון אלמערל ס'ביכל מיטן צושריפט „מיין זאוולען" אָנטאָן די מעשענע שפּאקולן און מחיה־זיין די הונגעריקע, פארפרוירענע קופּע: די טעכטער האָבן שפּאצירט אין פּאלאץ ביים כראביע מיט רחמה און אסתר־קען, די קינדער זענען פריידיק געשווומען מיט סאטיען איבער ווייטע ימען און געכאפּט גאָלדענע פישלעך; דער אלטער טאטע האָט זיך פארנומען מיט „טוביה דעם טרעגער", מיט זיינוול פּאָריסאָווער, מיטן בעל־שם, מיטן קאָנסקעוואָליער, מיט יוחנן דעם וואסער־טרעגער. רבי חייא פון צפת מיטן בחור חנניא האָבן אויסגעזונגען די הארציקסטע יידישע ניגונים, דער „אורח־חיים" האָט געטראָגן האָניקלעקעך מיט אלדאָס גוטס פאר קליינוואַרג, דער אפּטער האָט געפירט וויכוחים מיט יחיאל־מיכלען, ווידער זאוולס איינציקער זון, הערצעלע, דער בלאסער, ארבעטזאמער קירזשנער, איז געווען פארחלומט, און אברהם האָט געשפּילט אויפן באס:

בו—בו—בו—אוי—בו...

### צווייטער קאפיטל

יאָרן זענען געלאָפן. זאוול איז גרוי געוואָרן, ווי א טויב. דער אלטער טאטע איז שוין לאנג אויפן עולם האמת. די קינדער — ווי פייגל צעפלויגן פון דער צעבראָכענער נעסט. הערצעלע, דער ארבעטזאמער קירזשנער, האָט שוין לאנג אן אייגן מאשינדל מיט א ווייב און קינדער ערגעץ אין מחנה־יוסף אין דער שטאָט „טעל־אָוויוו אין ערעץ־ייסראָעל". געבליבן איז ער, זאוול, אליין, אין קע־



לער, א האלב־געליימטער, מיט זיין אלטיטשקער און מיט זיין טייערסטן פארמעג — דאָס ביכל מיטן אייגנהאנטיקן צושריפט פון יצחק־לייבוש פרץ: „מיין זאוולען".

מישטיינסגעזאָגט, וויפל אזא ייד, ווי זאוול סטאָלער מיט זיין אלטיטשקער דארפן עס פאר זיך: ס'ביסן ברויט, אן אוגערקעלע מיט א ציבל. אָבער דאָס איז אויך נישט געווען. די אלטע איז געלעגן מיט געשוואָלענע פיס און פנים אויף א פּאק בעבעכעס — מכלומרשט א „בעט", און זאוול פלעגט שוין נישט קענען צוזויפקלעבן ס'מינדסטע ברעטל פון אן אלטן טאבורעט. האָבן שכנים זיך ארייגעמישט און אוועק אין דער גמינע שרייען: „גוואלט, רשעים, ווי לאָזט מען עס יידן פאלן פון הונגער?" איז מען אזוי לאנג געלאָפן אין גמינע, ביז א באברילטער בחור איז געקומען אין קעלער א קוק־טאָן דעם אמת. געטראָפן האָט ער זאוולען, ווי ער זיצט ביי דער אלטער אין די מעשענע שפּאקולן און לייענט מיט א ניגון:

„טאטעשי, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך געוועקט... די זון איז שוין אונטערגעגאנגען, די לבנה איז שוין ארויפגעשוואומען אויפן הימל און די שטערנדלעך האָבן זיך צעפלאקערט; שוין צייט, זאָלסט טועם זיין, טאטעשי..."

ווי האָניק זענען פון זאוולען די ווערטער געפלאָסן, און די אלטע האָט צוגעסמאקעט מיט דער צונג — — — — — און אָט דערזעט זאוול א גריוועדיקן באברילטן בחור איבערן קאָפּ. פאלט ער אראָפּ, ווי פון הימל, פארקלאָפּט ס'ביכל, רוקט ארויף די שפּאקולן אויפן שטערן: „הא? וועס?"

אז דער בחור האָט דערזען דאָס פארגעלטע ביכל מיטן פערלדיקן שריפט פון יצחק־לייבושן אליין, איז ער מבולבל געוואָרן, און אָנשטאָט אויספרעגן, וואָס מען באדארף, כדי די גמינע זאָל געבן זאוולען א זלאָטע א וואָך, האָט ער גענומען פונאנדערפרעגן וועגן יצחק־לייבושן. ער האָט געפרעגט און זאוול האָט דערציילט...

איז דער בחור נישט געלאָפן אין גמינע, נאָר אויף טלאָמאצקע 13, דערציילן די יידישע שרייבער וועגן דעם אוצר, וואָס ער האָט געטראָפן.

האָבן זיך גענומען שיטן אין קעלער כלערליי הארן מיט ברילן און אָן ברילן, מיט שליפסן און אָן שליפסן, מיט גריוועס און אָן גריוועס, ביז א ייד א גביר, אן „אוהב־ספר" פון דער יראָזאָלימסקער אלייע האָט זאוולען פאָרגעלייגט גאנצע טויזנט זלאָטעס מזומן פאר דעם קליינעם פארגעלטן ביכל.

„וועס?" — איז זאוול אויפגעשפּרונגען, ווי נאָך א ביס פון א שלאנג. — „וועס? פאר מיליאָנען?... אראָס פין מאן שטיב, אראָס! די נעכפּע זאָל ענק טרעפן, טרעלבוכעס, גבירים! א חוצפּה פין א געוויער! ס'ביכל פין יצחק־לייבוש פרץ, מאן אוצר און טרייסט... — אין ענק און ענקערע טאטנס טאטעס אראן!"...

### דריטער קאפיטל

זאוולס אלטע איז אוועק אויפן עולם האמת. דער קעלער איז געוואָרן אויס דירה. מען האָט אים פארלייגט מיט קוילן, און חוץ דעם ריח פון געוועזענע מענטשן, איז דאָרטן גאָרנישט פארבליבן פון דער סטאָלערשער משפחה.

וואלגערט זיך זאוול ערגעץ אין אן אנדערן קעלער אויף דער דזשיקע גאס, און חוץ די שמאטעס, וואָס פארדעקן קוים זיין קנאָכיקן האלב־געליימטן גוף, מיט די מעשענע שפּאקולן, איז אים פון זיין גאנצן אויסגעפּראצעוועטן עבר פארבליבן נאָר דאָס טייערע ביכל, איינגעוויקלט אין א צעקנאָדערטן שטערנטיכל, ס'רעשט פון זיין פארלוירענעם באלמעלאָכישן לעבן.

אין תשרי 1939 האָט אויפגעריסן די וועלט, ווי א פארשטיקטער ווולקאן — ווארשע איז געוואָרן א גיהנום. פייער האָט זיך געשאָטן פון אויבן, פייער האָט געשפּארט פון אונטן, פייער פון מזרח, פייער פון מערב; גיהנום פון צפון און גיהנום פון דרום. פארוועלקטע הארבסטבלעטער, אויסגעמישט מיט שטויב, בלוט און מארך פון זויג־קינדער. לייב־און־לעבנס פון מענטשן און פערד, אויסגעקנאָטן מיט ציגל און שייטערס פון חרובע הייזער און פאלאצן, הימל און ערד אין א שריפה. די ווייסל שטראָמט מיט בלוט.

ס'איז צעפאלן די מחיצה צווישן ייד און קריסט. אלע גראָבן קברים מיט שוץ־גריבער. אלע שילטן אין איין

# א באַגעגעניש מיט י. ל. פרץ

## פון פ. שמואלביץ / (תל־אביב)

י. ל. פרץ איז געווען א וועגווייזער ניט בלויז פאַר'ן יונגן דור יידישע שרייבער, נאָר אויך א רבי פאַר דער יוגנט.

נאָך דער אַדורכגעפאַלענער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט זיך די יוגנט, אַן אנטוישטע, א לאָזגעטאָן אויף גאָט־זוכעניש. מ'האָט געזוכט אידעען און אידעאַלן, וואָס זאָלן געבן אן ענטפער און אן אינהאַלט דעם לעבן. מ'האָט געלעכצט נאָך א פרישן וואָרט, וואָס זאָל צוריקגעבן דעם כוח פון גלויבן, וועלכער איז אזוי דערשיטערט געוואָרן דורך דער מפלה.

און פרץ איז גראָד אין יענע יאָרן געוואָרן דער וואָרט־זאָגער און מורה־דרך פאַר א געפייניקטער יוגנט און זיינע שאַפונגען זענען געווען ווי א הייל־מיטל פאַר געניזוקטע נשמות.

איך דערמאָן זיך דעם רושם, וואָס „דאָס שטריימל" האָט געמאַכט אין די יוגנטלעכע רייען. עס איז געווען בעתן באַרימטן „מילה־סקאנדאל", וואָס שלום אַש האָט ארויסגערופן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט; ס'זענען געווען די לעצטע טעג פון לעוו טאָלסטאָי. שפּעטער — די בריוולעך צו דער יידישער יוגנט: „צוריק אין שול אריין". מ'האָט געמאַכט א געלעגנהייט צונויפצוטרעפן זיך מיט פרצן, כדי צו באַקומען פון אים א פירוש אויף געוויסע פראַגן.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו באַגעגענען זיך מיט פרצן און ביי דער געלעגנהייט האָב איך טאַקע געשטעלט פרצן צוויי פראַגן.

אויף דער ערשטער האָט ער דערקלערט:

„דער קלעריקאַליזם האָט באַקומען דאָס וואָרט און אויך די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט יענע, וועלכע האָבן — לויט זייער מיינונג — פאַרפירט די יוגנט. מ'מוז אביסל אָפּוואַרטן, די געמיטער זאָלן זיך באַרואיקן. אָט האָב איך ארויסגעגעבן א בראָשור מיטן נאָמען „מילה־סקאנדאל", ווו איך האָב דערקלערט מיין שטאַנדפונקט. צי דער „היינט" (די וואַרשעווער טאָג־צייטונג) האָט ריכטיק געהאַנדלט? — דאָס איז שוין א צווייטער ענין".

און וועגן טאָלסטאָיס צוריקקער צו רעליגיע האָט י. ל. פרץ אזוי געזאָגט:

„דעם זשעני קען מען נישט אָנצייכענען קיין וועג. נישט תמיד קען מען זיינע האַנדלונגען אורטיילן אָדער באַגרינדן מיט אָנגענומענע כללים. ביים זשעני דיקטירט אָפט דער קינסטלערישער אינסטינקט און נישט די איבערצייגונג. אָט שרייב איך בריוולעך צו דער יידישער יוגנט און איך הייס זיי גיין אין שול אריין. מיין איך דען, זיי זאָלן ווערן רעליגיעז? ניין. פאַרוואָס, ווייל אין די פּיוטים פונעם מחזור געפינען מיר פּאָעזיע און אפילו גוטע און שיינע עטישע מאָמענטן, און איך ווייס, אז אויב מען גייט נישט אין שול אריין, און ערגעץ אנדערש אויך נישט... פאַלט נישט איין קיינעם צו לייענען די פיוטים. גייט מען אָבער יאָ אין שול אריין, כאַפּט מען ממילא שוין א בליק אין מחזור און מען פאַרטיפט זיך אביסל אין אים, הגם די אינערלעכע (פּאָליטישע) איבערצייגונג קען זיין אַן אנדערע. אויך אין דער רעליגיע איז פאַראַן פּאָעזיע. עס איז דעריבער מעגלעך, אז טאָלסטאָי האָט לעצטנס באַקומען א געפיל פון אינערלעכער דערהויבנקייט. ער האָט געזוכט א תיקון. דאָס קען אויך פּאַסירן מיט יעדן דורכשניטלעכן מענטשן. עס באַפאַלט אים א געפיל פון בענקעניש, ער קען זיך אָבער נישט דערקלערן, וואָס עס פעלט אים. דער זשעני פאַרענטפערט דאָס דאָזיקע געפיל דורך זיין שאַפן. און אָט אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד צווישן זשעני און דעם פשוטן מענטש."



# צוויי לידער

## פון רקודה פאטאש / (ירושלים)

### כ'וויל דיר, מאמע, פאַרלייענען א ליד

ס'איז אוּנטיקע שעה.
ערגעץ אין דער אלטער חיים
צאַנקט אויף פּוילנס ערד דער טאָג.
זעץ דיך, ווי ביים לעבן,
הייב־אויף די אויגן פון די ברילן
און האָרך צו מיין ליד:

דער חלום מיינער האָט זיך אָנגעטאָן גרויסע שטיוול —
און א זאַק איבערן קאָפּ —
ער האָט געזאָגט:
„איצטער גיי איך קיין פּוילן,
„נישט ווייט פון קראָקע נעבן אוישוויץ —
און פון אָלקוש ביז וואַלבראָם
איז א קאַצן־שפּרונג —

און ער האָט געלאַכט מיט דער רויטער צונג.

האָב איך אים ארומגענומען, זיין זאַק אויפן קאָפּ
און זיינע הויכע, שוואַרצע שטיוול;
כ'האָב געבעטן מיט שטילן קול:
נעם מיך מיט, נעם מיך מיט!
כ'וויל געשלאָגן ווערן —
ווי מיינע קרובים —
מיט דייטשישע ריט...

האָט דער חלום מיינער א טופּ געטאָן מיטן פוס
און האָט מיט פאַרקריצטע ציין צו מיר געזאָגט:
— גיי ארויס צו ירושלימער הימלען,
שנייד־אָפּ א פּאָלע פון מערב־רויט
און פּאַק זי איין אין דיינע אויגן,
און בינד זי צו מיטן ערשטן רעגנבויגן,
וואָס זיצט אויפן זיבעטן טויער פון דער שטאָט!

און איבער מיין קאָפּ, ביסטו, מאַמע, געשטאַנען,
דו האָסט באַגלייט די פאַרזיגלטע באַנען,
דו האָסט דיינע אויגן מיטגעשיקט,
מיט דעם לאַנגן יאָמערדיקן צוג — — — —

## אן אבל-בריוו האט פארבלאנדזשעט, מיין שוועסטער

ס'איז ניין חדשים מיט א טאָג
נאָך אונדזער מאמעס טויט —
ס'האָט זיך אונדזער טרויער נאָך געמערט — — — —

האָבן מיר געשיקט א בריוו —
א ווייסן, טרויעריקן שליח,
און ר'האָט זיך מער נישט צ'ריקגעקערט.

נישט דערגאנגען צו די וועגן,
נישט דערגאנגען צו די היימען, —
נישט געוווּסט, צו וועמען
זאָל ער אָנקומען צום ערשט — —

האָט ער זיך אין וועלט פארבלאָנדזשעט,
ווי א קינד, אליין אין גרויסן וואלד.

האָט ער אויפן קול געשריגן:

כ'בין א בריוו, אן אָבל צו א שוועסטער,
כ'בין א פארבלאָנדזשעטער שליח!"

האָט א ווינט אים אויפגעהויבן
און אָים מיטגענומען.

האָט דער בריוו ארומגעוואנדערט
אין מאידאנעקס שחיטה־טעג,
פון מאידאנעק קיין טרעבלינקע, —

אָנגעקומען שפּעט קיין ווארשע —
ס'האָט די שטאָט א רויטן שטערן,
ס'האָט די שטאָט נישט מער קיין ייִדן.

ס'האָט נישט ווער קיין בריוו צו לייענען,
ס'האָט נישט מער ס'געוויין צו וויינען — — —
ס'איז ניין חדשים מיט א טאָג
נאָך אונדזער מאמעס טויט. — —
ס'האָט זיך אונדזער טרויער נאָך געמערט — — —



# קוק נישט אהין, מאמע!

פון יעקב צבי שארגעל / (פתח-תקוה)

דער וועג האָט זיך געשלעפּט א בלוטיקער, א שווערער,
מיט קנאָה צו די גראָזן אין פעלד.
זי זעט נאָך די היים, דעם הויף, די שכנים;
זי זעט נאָך איר קינדערשע וועלט.
וואָלט געיאָגט נאָך די קאטשקעס, איז א רחמנות אויף דער מאמען,
וואָס די דייטשן האָבן געשלאָגן און געיאָגט,
זי מוז איר איצט טרייסטן — זיין מיט איר צוזאמען —
אזוי האָט זי צו זיך אליין געזאָגט.

זי נעמט־ארום די מאמע און ציט זי צו זיך
מיט כוחות פארבאָרגענע, ווייטע.
עס בייגט זי דער ווינט, ווי אן איינזאמער זאנג
און עס וואכן די שווארצע באגלייטער.
דעם וועג זי מאכט לייכט, כאָטש די מאמע איז שוין שוואך,
און זי איז ביי איר אויפן האנט.
און ארום־און־ארום — די גרויליקע וואך
שטייט צווישן לעבן — א וואנט.

געהייסן האָט זי מירעלע, און קען זיין, אז חנהלע, —
און אפשר האָט זי געהייסן נחמה?
א גאנצן וועג טראכט זי נאָר, א גאנצן וועג קלערט זי נאָר;
זי זוכט ארום א זאך אזא: — נקמה?
די ביקס אנטקעגן קעפּל אירס, געגלאָצט האָט מיטן לאָך,
געדראָט האָט זי יעדן ריר אירן.
פלוצלינג האָט דאָרט עמעצער זיך צעשריגן אויף דער בראָך,
ווי געפּלאַצט ס'זאָל האָבן ביי יענעם די געהירן.

די קליינע האָט זיך א וואָרף־געטאָן, ארומגעכאפּט די מאמען,
געדריקט זי האָט דער מאמעס קאָפּ צו זיך: —
ציטער נישט, מאמוניעלע, מיר זענען דאָ באזאמען,
דעם וועג מיר וועלן איבערקומען גיך.
נאָר, אפשר איז דיר שווער, טאָ וועל איך גיין צופוס,
זע נאָר, ווי די לאָנקעס זענען גרין!
אז כ'קוש דיר די אויגן, פיל איך: זיי זענען זיס,
נאָר — קוק נישט מאמעלע, אהין! — — —

האָבן טרערן זיך א גאָס־געטאָן, זיסע, ווי דער סם,
וואָס העלפט דעם פיין צו פארטראָגן;
האָבן רוצחים דאָרט א שאָס־געטאָן צו לעשן יענעם פלאם,
וואָס פון איינעם צו אלע ט'זיך געטראָגן.
האָבן תפילות מיט קללות צו גאָט און צו דער וועלט
זיך א ריס־געטאָן פון אלעמען צוזאמען,
און דאָס קינד האָט מיט זיך דער מאמעס אויגן פארשטעלט:
— קוק נישט אהין, מאמע! — — — —

# א ב ר י וו *)

## פון ראָמען ראָלאן

איך שיק־איבער מיין ברידערלעכן גרוס דעם קאָנגרעס פון יידישע אינטעלעקטועלע.

קיינמאָל נישט, נישט בלב און נישט בכוונה, האָב איך נישט געמאכט קיין אונטערשיד צווישן מיינע פריינט יידן (מענטשן און ווערק) און די פריינט פון מיין אייגענער ראסע. דער עצם באגריף פון ראסן, וואָס זאָלן זיין פרעמד איינע די אנדערע, איז מיר נישט פארשטענדלעך. עס זענען נייטיק געווען די כסדר־דיקע אָנגריפן פון אנטיסעמיטיזם, פון דעם דאָזיקן אָנגערייצטן הונט פון דער גידעריקסטער, פון דער מערדערישסטער רעאקציע, כדי אויך פאר מיר זאָל קלאָר ווערן די נייטיקייט פון דער אלוועלטלעכער פאראייניקונג פונעם יידישן פאָלק.

היות אָבער דאָס יידישע פאָלק איז דער קרבן פון די ווילדסטע אָנגריפן אין דעם טייל וועלט, וואָס געפינט זיך אונטערן שווערן יאָך פון אָבסקוראנטיזם און ראסיזם, היות די פיינט פון דעמאָקראטיע האָבן איך דערקלערט אן אומברחמנותדיקע מלחמה — איז דאָס דער חוב נישט בלויז פון יידישן פאָלק, נאָר פון אונדז אלעמען, דעמאָקראטן, אומאָפּהענגיקע מענטשן פון אלע לענדער, אָנצונעמען די דאָזיקע ארויספאָדערונג, ווייל זי רירט אונדז אלעמען אָן.

די אלע, וואָס קעמפן פאר גערעכטיקייט און פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, ווייסן אז די בעסטע זין פון יידישן פאָלק האָבן שטענדיק מארשירט אינעם אוואנגארד פון דעם דאָזיקן קאמף. גערעכטיקייט, יושר, די קווינטעסענץ פונעם לעבעדיקן געוויסן פון יידישן פאָלק — זענען שטענדיק געווען ווי צוויי ליכט־שטראלן, וואָס לייכטן אראָפּ פונעם שטערן פון משה רבנו.

גערעכטיקייט און יושר זענען אויך אונדזערע אייביקע כלי־זיין, מיט וועלכע מיר וועלן אויסקעמפן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. ס'איז דערביי נאטירלעך, וואָס מיר שטויסן זיך אָן אויף די זעלבע שונאים, אויף די פינצטערע כוחות פון דער מאכט, וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען פאשיזם, נאציזם, אויף זייערע „דוטשעס" און „פירערס", וואָס באדראָען די וועלט מיט זייערע פארשווערונגען. מיר וועלן צוזאמען צערייסן די נעץ, אין וועלכער זיי ווילן פארנארן די מענטשהייט.

יידישע אינטעלעקטועלע, אונדזערע חברים — אן אלטער אינטעלעקטועלער פון פראנקרייך דריקט אייך די האנט. דער נארישער היטלער, אין זיין פארפאָלגונגס־מאניע, אידענטיפיצירט אייך מיט דער רעוואָלוציע. מיר פּראָטעסטירן. יעדן זיין חלק כבוד.

אלע גרויסע רעוואָלוציעס זענען א הייליקער אויפשטאנד קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער סאָציאלער אָרדענונג, פאר דער אויסשפּרייטונג פונעם טעטיקייטס־פעלד פון מענטשלעכן געדאנק. גאָט־צו־דאנקען — די בעסטע זין פונעם אלטן פראנקרייך, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט אריינגעשריבן אין דער געשיכטע פיר רעוואָלוציעס, וועלן נישט דערלויבן, מ'זאָל פון זיי אראָפּנעמען די רומפולע קרוין. מיר פאָדערן פאר אונדז אין נעמען אויף זיך, צוגלייך מיט אייך, יידיש פאָלק, ברודער־פאָלק, די באליידיקונגען פון היטלערן און די שנאה פון אלע אונטערדריקער. לאָמיר ענגער מאכן דעם בונד צווישן דעם פאָלק פון ראבלע, מאנטען און וואָלטער, און דעם פאָלק פון קארל מארקס און שפינאָזא.

*) דעם בריוו האָט ראָמען ראָלאן געשיקט צום אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 17—21־טן סעפטעמבער 1937 אין פאריז.



# די דיכטערין פון געטאָ

## פון ש. טענענבוים

### א קאפיטל תהילים

וואַרשע, ווארשע, — מוטער־שטאָט,<br>
מיט בלוט פארשפריצטע מויערן!<br>
זעט נישט דיינע ווונדן גאָט?<br>
די מתים אין די טויערן?

אויף קראשינסקיס פלאץ הארמאטן<br>
פייערן אויף געטאָ־היימען...<br>
האָט דער אלטער גאָט פארראטן<br>
ס'פאָלק פון דודן און שלמהן?

גייט א מחנה קעגן פיינט,<br>
פון שמשונס און פון דבורהס...<br>
„זאָל איך בעסער פאלן היינט,<br>
מקדש זיין די דורות!"...

איך כאפּ א באָמבע מיט דער האנט<br>
באגריס דעם שונאס טאנקען...<br>
קערפּערס שפּריצן אויף דער וואנט!<br>
געטראָפן! — גאָט צו דאנקען...

שטארק און קרעפטיק די אטאקע,<br>
צאָלרייך די קרבנות:<br>
„צינדט פאבריקן און באראקן,<br>
קוילעט אָן רחמנות!"

שוין־זשע מיינט איר איז דער סוף,<br>
ווען פלאמען פרעסן שטיינער?<br>
ווען רויכן וויקלען מוראנאָוו<br>
און פרעגלען יונגע ביינער?

---

אפשר טאקע צוליב ווארשע<br>
ברענט א שלאכט אויף אלע ימען?<br>
אפשר צוליב א ו נ ד ז ע ר אומגליק<br>
קעמפן פרידלעכע צוזאמען:

ווייסע, שווארצע, ברוינע, געלע...<br>
אלע ראסן און קאָלירן, —<br>
אום א וועלט, א נייע, העלע<br>
מיטן פרייהייטס־קראנץ באצירן?

נישט דערזונגען איז דער היינט,<br>
ווען מען קוילעט אונדז, ווי רינדער...<br>
וועלן אָבער מאָרגן שאלן<br>
פריידיק־זיגעריש — די קינדער...

---

דער מחבר פון דאָזיקן ליד לעבט ווארשיינלעך נישט מער. אין אן ארטיקל פון ר״ר שאָשקעס ווערט דערציילט, אז דאָס ליד איז געדרוקט געוואָרן אין „קולטורא יוטראָ" (די קולטור פון מאָרגן), אן אונטערערדישער ווארשעווער זשורנאל פון יולי 1943, און אָט־וואָס די רעדאקטאָרן שרייבן:

„ווען דער זשורנאל איז שוין געווען אין דרוק, איז אין אונדזער באזיץ אריינגעפאלן א זעלטענער מאנוסקריפּט — דאָס איז א פעקל לידער, וואָס איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן אין גאס דורך א יונג יידיש מיידל, וועלכע מ'האָט געפירט צוזאמען מיט טויזנטער אנדערע יידן פון „קליינעם" געטאָ אויף שליסקע גאס אין דער ריכטונג צום ברענענדיקן „גרויסן" געטאָ, אין ראַיאָן פון די נאלעווקעס. דאָס איז געווען אין די לעצטע טעג פון די טראגישע קאמפן און שחיטות. אזוי ווי מיר האלטן, אז דער ווידערשטאנד פון ווארשעווער געטאָ געהערט צו די רומפולע זייטן פון דער מיליטערישער „עפּאָפּעע", נעמען מיר אריין די לידער, וואָס דאָס העלדישע מיידל האָט א וואָרף־געטאָן, בעת זי איז געווען אונטער א קאָנוואָי — אין אונדזער לידער־קאָנקורס. דערביי טיילן מיר מיט אונדזערע לעזער, אז איר ליד „א קאפּיטל תהלים" איז באשאָנקען געוואָרן מיטן ערשטן פּרייז פון זיבן הונדערט זלאָטעס".

דער איינדרוק, ווען מען לייענט דאָס, איז נישט קיין געוויינלעכער. איך מיין צו זאָגן: אן איינדרוק, וואָס כ'קען קיין ווערטער נישט געפינען פאר דעם. דאָס טראגישע מיידל, וואָס סימבאָליזירט אזוי שטארק די העכערע מענטשלעכע נאטור, וואָס קאָן דיכטן אין אָנגעזיכט פון טויט און חורבן — דער מענטשלעכער גייסט, וואָס זאָגט זיך נישט אָפּ צו זינגען און צו זיין שעפעריש אפילו אונטערן פייער פון די נאציס. אָט דאָס טראגישע מיידל איז עטלעכע מינוט שפּעטער פיליכט דערשאָסן געוואָרן, צוגעשטעלט געוואָרן צו א וואנט. די דאָזיקע אומבאקאנטע דיכטערין — דאָס גאנצע פאָלק ציט פאר איר דעם הוט. נישט דער זיגעס־שאַל פון דבורה — איבער די מחנות פון סיסרא דעם צעשלאָגענעם — קלינגען אין אירע ריטמען. אָבער מיר וועלן זי אָנרופן דבורה — די דבורה

פון א טראגישער שעה פארן יידישן פאלק — די דבורה פון אומגליק. מיר וועלן זי אנרופן דבורה מיט דעם זעלבן רעכט, מיט וועלכן זי רופט איראניש און ביטער איר ליד „א קאפיטל תהלים“.

און, איר אלע, פאעטן און שריפט־שטעלער, וואס איר לעבט אייך נישט שלעכט אין אויסלאנד און איר שרייבט דערציילונגען און פאעמעס וועגן דעם בלוטיקן בראך — קענט איר זיך דען פארגלייכן צו דעם דאזיקן קינד־פאעט, צו דעם דאזיקן נביאיש־מיידל, וואס ווארפט־אתטער אירע לידער אין ברע־נענדיקע גאסן, — אויף הייסע שטיינער. און וואס פאר אן אפטימיזם דא פלא־קערט אין די שורות, וועלכע זענען איינ־געשמירט אין אייגענעם בלוט; וואס פאר א גרויסער אפטימיזם און גלויבן אין דער צוקונפט; וואס פאר א צארן קעגן די תענקער! און וואס פאר א די־רעקטע ווענדונג צו גאט:

„האט דער אלטער גאט פארראטן
ס'פאלק פון דודן און שלמהן?

איך שלאג־פאר אז דאס פאלק — דאס גאנצע פאלק זאל מאכן א יארצייט, זאל געבן דער דיכטערין א נאמען דבורה, און יעדעס יאר זאל דאס פאלק פייערן איר יארצייט... די יארצייט פון געטא, די יארצייט פון העלדישן קאמף — אן אומפארגלייכלעכער קאמף — וואס האט איין ציל: אן ערנהאפטער טויט, זיך אויסקעמפן א שטאלצן, א מארטירערישן, א נאציאנאל־רעוואלוציאנערן מענטש־לעכן טויט.

צום ערשטן מאל האבן מענטשן גע־קעמפט פארן טויט.

דאס גאנצע פאלק דארף פייערן און זי, אט די באזיגטע דבורה, זאל פארהיי־ליקט ווערן אין די קומענדיקע יארטוי־זנטער, אלס דער גייסט פון פלאקערנ־דיקן רעוואלטירנדיקן געטא.

(„דער שפיגל“)

* * *

### פון שלמה שעהויט / (חיפה)

און ווידער וועלן זיך אומקערן די ליכטער,
וועלכע האבן זיך פון אונדז אזוי דערווייטערט;
נאך וועלן זיך צעשטראלן די געזיכטער
מיט פרייד, מיט גליק, — פון טרויער געלייטערט.

ווידער וועט די זון א שטעל־טאן זיך אין פענצטער,
אין די שויבן, וואס ציטערן איצט אין ווינט
און נעכטיקן אין ארעמס פון געשפענסטער,
און זענען אין העלן טאג געווארן בלינד.

נאך וועלן מיר א הויב־טאן און אויפרייסן
דעם פארהאנג, וואס פארשטעלט אונדז דעם גרויסן טרוים;
נאך וועט א כוח באפעלן אונדז און הייסן:
צעוואקס, צעבלי און צעצווייג זיך, ווי דער בוים!

נאך וועלן מיר אויף פעסטער ערד דא וועבן
אונדזער אלטן חלום צו דעם לעצטן גליק...
נאך זען, גאפן, ווי אונדזער טויט און לעבן
געווען איז צו באנייטער וועלט — א בריק.



## ווען נאצי־בלוט פון מעסער רינט

### פון י. מאניק לעדערמאן / (חיפה)

ווען נאצי־בלוט פון מעסער, רינט,
קענען בילן נאר די הינט
אויף דער לבנה...
דער מענטש אבער אין זיין פרייד איז גערעכט
ווייל דער נאמען זיין, וואס איז געלעגן א צעטראטענער, פארשוועכט,
שטראלט ווידער אויף אין זיין גלאריע.

ווען נאצי־בלוט פון מעסער רינט,
דאן שיקט איעדעס קינד
זיין קוש דער רויטער פאן;
און בוים צו בוים שטרעקט־אויס א האנט —
צום טאנצן [illegible], ווייל אפגעוואשן ווערט די שאנד
פון דער נאטור...

ווען נאצי־בלוט פון מעסער רינט,
צעשמייכלען זיך די טויטע, און ס'געפינט
די רו זיי אין די לעבעדיקע קברים,
ווייל נישט קיין אורוואלד איז די ערד,
וו חיות קענען זויפן אומגעשטערט,
בלויז דערפאר, ווייל זיי האבן שארפע ציינער...

— די זון, וואס האט פאר שאנד פארבארגן איר געזיכט,
האט ווידער איבער ערד א פלייץ־געטאן מיט ליכט
און פאריאגט דעם חושך, וואס האט זיי פארשטעלט
און געלאזט זיי שטיין אינמיטן וועלט
אין זייער עקלהאפטער נאקעטקייט.
לאכן מיט קאנאנען־דונער רויטארמייער
און באשפייען זיי מיט פייער. —

ווען נאצי־בלוט פון מעסער רינט,
קענען בילן נאר די הינט
אויפן ווינט...
דער מענטש אבער טריאומפירט,
ווייל אייביק איז דער וועג, וואס פירט
צום וווגדערלאנד פון גייסט.

# דאס יידישע האנטווערקערטום אין פוילן

(פון א גרעסערער ארבעט)

פון מ. קאכמאן / (תל־אביב)

דאָס יידישע האנטווערקערטום האָט הינטער זיך א לאנגע און רייכע געשיכטע. די ערשטע יידישע האנטווערקער האָבן זיך באוויזן אין 16־טן יאָרהונדערט, ווען אונטערן דרוק פונעם קריסטלעכן בירגערטום און שליאכטע ווערט דער יידישער מסחר אונטערדריקט. יידן ספעציאליזירן זיך אין פארשידענע פאכן, און, ווי פריער אין מסחר, ווערן זיי אויך אויפן נייעם געביט גוטע פאכלייט. קעגן די יידישע האנטווערקער שטייען־אויף די קריסטלעכע צעכן, וועלכע זעען אין די יידן א קאָנקורענץ. דאָך האָבן די יידן אין יענער צייט דערגרייכט פון האנטווערקעריי א געוויסן וווילשטאנד. דער פעריאָד פון כמעלניצקיס פאָגראָמען (פון 1643 ביז 1658) גראָבט אונטער די עקזיסטענץ פון יידן אין פוילן און ספעציעל פונעם יידישן האנטווערקערטום. אין די 80־קער יאָרן פונעם 17־טן יאָרהונדערט טרעפן מיר שוין ווידער אין די שטעט פון פוילן יידישע באלמעלאָכעס, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער ביליקער פראָדוקציע, וואָס דערמעגלעכט זיי צו געווינען דעם מארק. דער יידישער באלמעלאָכע פארנעמט אין יידישן און אין נישט־יידישן לעבן אן אָנגעזעענעם אָרט. מיר טרעפן אים ניט בלויז אין די שטעט, נאָר אויך אין די פריצישע הויפן אלס מעכאניקער, טאָקער, סטאָלארעס, שניידערס און אנדערע פאכן.

אויף וויפל דאָס יידישע האנטווערקערטום האָט זיך דעמאָלט אנטוויקלט אין פוילן, קאָן דינען דער פאקט, וואָס אין חודש מערץ 1790 האָבן איןווארשע די קריסטלעכע צעכן פון קירזשנער און שניידער באלאגערט דאָס ראָטהויז און געפאָדערט צו פארטרייבן פון שטאָט די יידן, וועלכע נעמען־צו ביי זיי די פרנסה. זיי האָבן אפילו געדראָט מיט אויסקוילענען די יידן, אויב דער סיים וועט זיי נישט פארטרייבן. דער סיים האָט טאקע ארויסגעגעבן א באפעל צו פארטרייבן די יידישע באלמעלאָכעס פון די שטעט.

יידישע האנטווערקער זענען שפעטער צוריקגעקומען אין די שטעט, און אין ווארשע איז אפילו געקומען צו א געשלעג צווישן די פוילישע און יידישע שניידערס, וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט א פאָגראָם.

דער יידישער האנטווערקער האָט אויך געמוזט פירן א קאמף פאר זיין קיום צווישן די יידן גופא; א קלאסנקאמף, ווי מיר רופן עס היינט, און זיך שיצן קעגן היימישן קלער און קהלה־פארזאָרגער. אָבער פון די דאָזיקע קאמפן איז דאָס יידישע האנטווערקערטום תמיד ארויס געשטארקט, און לסוף געוואָרן דער פונדאמענט פאר אויספאָרמירן דעם יידישן ארבעטער־קלאס.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך געווירקט א צווייטער פראָצעס: צוליב די שטענדיקע רדיפות קעגן די יידישע באלמעלאָכעס מצד די קריסטלעכע צעכן, וועלכע האָבן אויך געטראָגן א קירכלעך־רעליגיעזן כאראקטער, האָבן די יידן, קעגן זייער ווילן, געמוזט אָנהייבן זיך צו פארנעמען מיט אזעלכע פרנסות, וואָס האָבן דעם כלל יידנטום קיין כבוד נישט פארשאפט, ווי, למשל: ליכווע, מעקלעריי און ענלעכע אומפראָדוקטיווע באשעפטיקונגען. אָבער סוף פאריקן יאָרהונדערט, ווען אין אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן בלאָזן ליבעראלע ווינטן, איז אויך פאר יידן געוואָרן עטוואָס לייכטער און זיכערער זיך צו פארנעמען מיט פראָדוקטיווער ארבעט. ביז צו דער צייט איז דער מצב פון מלאָכה בכלל ביי יידן געווען א טרויעריקער. היינט ערשט קענען מיר אָפּשאצן דעם ווערט פון איבערגאנג פון פארשידענע לופט־געשעפטן צו אמתער קאָנסטרוקטיווער און פראָדוקטיווער ארבעט ביי די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

הגם ביי יידן איז, לויט דער מסורה, געווען א פאָזיטיווע באציאונג צו ארבעט, האָט מען געקוקט מיט גרינגשעצונג אויף א באלמעלאָכע. מ'האָט זיך אפילו געגרויסט דערמיט, וואָס אין דער משפחה איז נישטאָ נישט קיין שו־



כטער און נישט קיין שניידער. עס איז געווען באוווסט די מימרא: „ווער עס לערנט נישט זיין קינד א מלאָכה, איז גלייך, ווי ער וואָלט אים געלערנט דינען די עבודה זרה" און וועלכער פאָטער האָט עס געוואָלט, זיין קינד זאָל „דינען די עבודה זרה"? אָדער: „צוליב פרנסה מעג מען אפילו א נבלה אין גאס אָפּשינדן". ווער שמועסט נאָך, ווען מיר האָבן געקענט ברענגען אלס באווייז רבי יוחנן הסנדלר, אז שוסטעריי איז נישט קיין שאנד. — זענען מיר דאָך אוודאי געווען פטור צו זוכן באגלויבטערע עדות, אז יידן האָבן א פאָזיטיווע באציאונג צו ארבעט! להלכה איז עס טאקע אזוי געווען; אָבער למעשה? א שידוך־טאָן מיט א באלמעלאָכע איז געווען — הס מלהזכיר! אז א פאָטער האָט געזוכט פאר זיין טאָכטער א מאן, איז ער אוועק אין א ישיבה און אויסגעקליבן א גוטן לערנער, אים צוגעזאָגט א פאָר יאָר „קעסט" און דערנאָך אים געמאכט פאר א סוחר. אָבער אז מסחר דארף מען לערנען — דאָס איז קיינעם נישט איינגעפאלן, וואָרום יעדער ייד איז א געבוירענער סוחר...

שפעטער האָט א טייל פון אונדזער אינטעליגענץ, אויף א באשיידענעם אופן, גערופן די יידישע מאסן, זיך צו נעמען צו פראָדוקטיווער ארבעט, כדי זיך צו זיכערן דעם קיום צווישן די פעלקער, ווו מיר וווינען, און אָפּנעמען ביי אונדזערע פיינט די טענה, אז „יידן זענען ליכוויאשעס, פאראזיטן, פראָצענטניקעס און פוילענצער".

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באווייזן די ערשטע סימנים פון אָרגאניזאציע אויפן געביט פון מלאָכה: „חברות חייטים", „חברות סנדלרים". זיי האָבן זיך אָבער נישט געקענט ארויסהייבן פון די ענגע ראמען פון זייער דעמאָלטיקער „טעטיקייט", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט שרייבן א ספר־תורה און זיך געענדיקט מיט מאכן א סעודהלע ז' אדר, צו משה־רבנוס יאָרצייט.

צווישן די ערשטע, וואָס האָבן באמת געוואָלט דעם יידישן דערשלאָגענעם באלמעלאָכע ארויסהייבן פון זיין קלאָגעדיקן צושטאנד איז אויך געווען דער פארשטאָרבענער אינזשעניער יאן קירשראָט. די ערשטע האנטווערקער־אָרגאניזאציע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1911 דורך יאן קירשראָט אין לאָדזש.

ער איז געווען פון די, וואָס האָבן פארשטאנען, אז אָן אמתער אויפקלערונג, אָן אָרגאניזאציע וועט דער יידישער באלמעלאָכע בלייבן אן אָפּגעשטאנענער עלעמענט. מיר יידן דארפן נישט ערשט באווייזן דער קריסטלעכער וועלט, אז מיר פארנעמען זיך מיט פראָדוקטיווער ארבעט, כדי עמיצן צו געפעלן, נאָר אז מיר פארנעמען זיך מיט מלאָכה, כדי זיך צו זיכערן א נאָרמאלע בכבודיקע עקזיסטענץ.

זינט דעמאָלט האָבן זיך געגרינדעט כמעט אין אלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן האנטווערקער־אָרגאניזאציעס און אין א קורצער צייט האָט זיך טאקע ארויסגעוויזן, אז עס וואקסט א נייער כוח אינעם יידישן לעבן. א כוח, וואָס רייסט זיך צו באפרייען פון דעם אלטן לעבנס־שטייגער. „אָרט" און אנדערע געזעלשאפטן האָבן געהאט גרויסע פארדינסטן ביים העלפן דעם ערשט־אויפגעקומענעם האנטווערקער זיך צו מאָדערניזירן און פארפולקאָמען אין פאך.

דאָ מוז אויך דערמאָנט ווערן די באדייטנדיקע ראָל, וואָס פארשידענע אינסטיטוציעס האָבן געשפילט אויפן געביט פון אויפשטעלן האנטווערקער־שולן און דורכדעם בייגעטראָגן, אז די אָרעמערע טיילן פון דער יידישער באפעלקערונג זאָלן זיין בכוח צו שיקן זייערע קינדער אין די דאָזיקע האנטווערקער־ אָדער טעכנישע שולן. אזעלכע געזעלשאפטלעכע האנטווערקער־שולן זענען געגרינדעט געוואָרן אין ווארשע דורך דער יידישער גמינע אין יאָר 1895 מיט דער מיטהילף פונעם יידישן גביר נאטאנזאָן. אין לאָדזש איז אין יאָר 1890 געגרינדעט געוואָרן א האנטווערקער־שולע דורך דעם גרויסאינדוסטריעלן און פילאנטראָפּ הערמאן קאָנשטאדט, אין טשענסטאָכאָוו איז אין יאָר 1903 געגרינדעט געוואָרן א האנטווערקער־שולע דורכן פילאנטראָפּ מארקוספעלד. אויך אין אנדערע שטעט זענען געווען אזעלכע שולן, וואָס האָבן יאָר־יערלעך ארויסגעגעבן טויזנטער קוואליפיצירטע יידישע פאכלייט. זיי זענען געווען דער אוואנגארד פאר דער ווייטערדיקער אויסבילדונג פונעם יידישן האנטווערקערטום. דעמאָלט האָט מען איינגעזען אז צו דער גרויסער צאָל דאָקטוירים, אינזשעניערן, אדוואָקאטן אא"וו, מוז צוקומען דער געבילדעטער האנטווערקער. די מאָדער־

נע האנטווערקער־שולן האָבן אויף דעם געביט געמאכט א רעוואָלוציע אין די מהות פון אונדזערע טאטעס, וועלכע האָבן ענדלעך איינגעזען, אז ס׳איז בעסער צו געבן דעם קינד א מאָדערנעם פאך, איידער אים לאָזן יאָרנלאנג שטודירן אלס דאָקטאָר און צום סוף זאָל ער ווערן א סוחר אָדער קאָמיסיאָנער.

אז א יינגל האָט נישט געהאט קיין חשק צו זיצן 15 שעה אין טאָג אין חדר און לערנען, האָט אים דער פאָטער געסטראשעט, אז ער וועט אים אָפּגעבן פאר א שוסטער אָדער בעקער. אין דעם קינדערישן מוחל האָט זיך אריינגעכאפּט א פחד, צו ווערן, חלילה, א. שוסטער, און זיין נשמה איז געוואָרן אָנגעזאפּט מיט ווידערווילן צו פּראָדוקטיווער ארבעט. און אז דאָס יינגל האָט אלץ נישט געוואָלט גיין אין חדר אריין, האָט דער פאָטער אים גענומען פארן אויער און אריינגעפירט צו א שוסטער אָדער שניידער און אוועקגעלייגט אזא דרשה: אזוי ווי מיין לאָבוז וויל נישט לערנען און איך האָב פון אים געברענטע צרות, און קיין נחת וועל איך שוין פון אים סיי־ווי ניט האָבן, — וויל איך אים איבערגעבן אין אייערע הענט, ווייל אנדערש וועט פון אים קיין לייט נישט ווערן. איידער ווערן א גנב, חלילה, זאָל ער כאָטש ווערן א שוסטער". מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי אזוי דער שוסטער־„מייסטער" האָט געקוקט אויף זיין נייעם „ארבעטער". נאָך א צייט פון „פּראקטיק" ביי קארטאָפל־שיילן און וויגן דאָס קינד, האָט דער בחור געמיינט, אז ער קען שוין די גאנצע „תורה פון שוסטעריי". ער קען שוין אליין ווערן א „מייסטער" פאר זיך. ס׳איז טאקע קיין וואונדער נישט געווען, אז אויב א ייד האָט געוואָלט האָבן א גוטן און שיינעם שוך, איז ער אוועק צום קריסטלעכן שוסטער און דעם יידישן אויסגעלאָזט.

אָבער אז א קריסטלעכער פאָטער האָט געוואָלט זיין זון לערנען א פאך, האָט ער אים אריינגעפירט צום קריסטלעכן באלמעלאָכע און אים דערקלערט: „אזוי ווי מיין יינגל האָט געענדיקט די שולע, און איז א וויל און געהאָרכזאם יינגל, האָב איך באשלאָסן צו מאכן פון אים א לייט. איך האָף, איר וועט פון אים צופרידן זיין און בין זיכער, אז עס וועט פון אים זיין א גוטער „טשעלאדניק". איך גיב אים אייך אויף דריי יאָר צום לערנען. איר וועט באשטימט זיין פון אים צופרידן".

אזוי פארשידנארטיק האָבן פארשטאנען און אָפּגעשאצט צוויי טאטעס פון צוויי פעלקער, וועלכע האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט צוזאמען. צו דעם מוז מען נעמען פאָלגנדעס אין באטראכט: אמאָל האָט מען פארבאָטן יידן צו וווינען אין די שטעט, א צווייט מאָל — צו באזעצן זיך אין די דערפער. און אויך דאָס כסדרדיקעווארטן אויף נייע גזירות, וועלכע האָבן ביי יידן געטריבט דאָס רעכט זיך צו באשעפטיקן מיט דעם פאך, וואָס איז נאָך נעכטן געווען דערלויבט, — האָט דערשיטערט זייער ערנסטע באציאונג צו פּראָדוקטיווער ארבעט. נאָך מער, דאָס האָט גורם געווען, אז יידן זאָלן אפילו מיט א געוויסער גרינגשעצונג קוקן אויף מלאָכה בכלל.

סוף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט האָט זיך די באציאונג פון יידן צום האנטווערק ראדיקאל געביטן. דעם שטויס דערצו האָבן געגעבן פארשידענע סיבות: די גרויסע עמיגראציע אין די אמעריקאנער לענדער האָט באוויזן אז א באלמעלאָכע קען זיך גיכער איינאָרדענען, ווי סתם א לופט־מענטש. די ארבעטער־פּארטייען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָרגאניזירן דעם יידישן ארבעטער און קליינעם באלמעלאָכע האָבן א סוף געמאכט צו די שילעכלעך און אויף זייער אָרט זענען אויסגעוואקסן שטארקע ציל־באוווסטע ארבעטער אָרגאניזאציעס און פאריינען פון האנטווערקער. דער מעכאניזירונגס־פּראָצעס, וועלכער האָט א סאך פאכן קאָנצענטרירט אין גרויסע פאבריקן, זענען באזעצט געוואָרן דורך קריסטלעכע ארבעטער און פאר יידישע ארבעטער פארשפּארט די טויערן. אָפטמאָל האָבן קריסטלעכע ארבעטער געשטרייקט מיט דער פאָדערונג צו באזייטיקן זייערע יידישע ארבעטס־חברים פון די פאבריקן. הויפּטזעכלעך איז דאָס געשען אין דער פּוילישער טעקסטיל־אינדוסטריע, אין ביאליסטאָק, אין לאָדזש, פּאביאניץ, זדונסקא־וואָלא א״א. דאָס האָט ווידער באוויגן יידישע ארבעטער צו ווערן „זעלבשטענדיקע" אונטערנעמער מיט קארליק־ווארשטאטן. די דאָזיקע „זעלבשטענדיקע" האָבן זיך אריינגעגאָסן אין די האנטווערקער־אָרגאניזאציעס, וועלכע זענען אנטשטאנען באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.



1918, ווען פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק און פארשידענע אנטיסעמיטישע גרופּירונגען האָבן זיך געריסן צו דער מלוכה־מאכט און זי אויך דערגרייכט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף די יידן שווארצע גזירות. די באזיצנדיקע שיכטן זענען באלייגט געוואָרן מיט פאנטאסטישע שטייערן, וואָס האָט דערפירט צו באנקראָט. 1926, גראבסקיס תקופה, איז א טרויעריק קאפּיטל אין דער געשיכטע פונעם פּוילישן יידנטום. די רעאקציאָנער־אנטיסעמיטישע האנט האָט ממילא אויך נישט אויסגעמיטן דעם יידישן האנטווערקער. ס׳זענען דערשינען ספּעציעלע געזעצן מיט דער אויסדריקלעכער כוונה, אומצוברענגען דאָס גאנצע יידישע האנטווערקערטום. דאָס „צעכן־געזעץ" האָט זיך געשטעלט די אויפגאבע אָפּצורייניקן פּוילן פון יידן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך דערביי פאר קיין שום מיטלען, מעגן זיי זיין די בארבארישסטע. פאר דעם האָט מען ארויסגענומען פון יידישע הענט דעם האנדל מיט תבואה, אלקאָהאָל, טאבאק, וואלד, דערנאָך — דורכן שחיטה־געזעץ — געהאט בדעה צו באגרענעצן דעם האנדל און געברויך פון פלייש דורך יידן אויף א מינימום. א כוואליע פון פּאָגראָמען האָט געפּלייצט איבער יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. דער באָיקאָט קעגן יידישן האנדל און יידישער פּראָדוקציע איז געוואָרן א לעגאל מיטל אויף אויסצוהונגערן די יידישע באפעלקערונג. (עס איז בארימט געוואָרן ס׳געפליגלטע וואָרט פון מיניסטער סקלאדקאָווסקי: פּאָגראָמען—נישט, אָבער באָיקאָט—אדרבא!") און אז יידן האָבן נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, ווי עמיגרירן, האָט די רעגירונג ארויסגעגעבן דעם דעוויזן־פארבאָט, וואָס האָט באדייט: „ארויס פון פּוילן — אדרבא, אָבער דיין פארמעגן לאָז דאָ!".

ווי שוין דערמאָנט האָט דער צעכן־געזעץ געהאט דעם בולטן ציל אומצוברענגען דאָס יידישע האנטווערקערטום. אָבער די דעמאָלסטיקע אָנפירער פון די יידישע באלמעלאָכישע אָרגאניזאציעס האָבן אָנגענומען ענערגישע מיטלען אָפּצושוואכן דעם צעכן־געזעץ, ווי ווייט מעגלעך. פּראָטעסט־פארזאמלונגען, פּעטיציעס און די פּערזענלעכע אינטערווענץ פון אינזשעניער טשערניאקאָוו (וואָס איז באגאנגען זעלבסטמאָרד אין ווארשעווער געטאָ) און חיים ראסנער זיינערצייט, איז דער געזעץ אָפּגעלייגט געוואָרן אויף 2 יאָר, ד. ה. ביזן סוף 1929.

עס איז כאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער איינשטעלונג פון דער דעמאָלטיקער בירגערלעכער פּויליש־פאשיסטישער געזעלשאפטלעכקייט דאָס, וואָס דער צעכן־געזעץ איז אריינגעבראכט געוואָרן אין סיים צום באטראכט דווקא אין א שבתדיקן טאָג, בעת א גרויסער טייל יידישע דעפּוטאטן זענען נישט געקומען צו דער זיצונג. אפילו אזא „רעליגיעזער" ייד, ווי ד״ר ראָזענבלאט פון לאָדזש איז אויך געזעסן ביי זיין „שבתדיקן טיש", אנשטאָט צו זיין אויף דער זיצונג, בעת עס איז געשטאנען אזא גורל־פראגע פאר די יידישע מאסן אויפן סדר־היום פונעם אנטיסעמיטישן סיים. אָט אזוי האָבן אונדזערע אויסגעוויילטע פארטיידיקט דעם „יידישן שטאנדפּונקט" אין פּוילן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איבערן פּוילישן יידנטום האָט זיך פארצויגן א שווארצע דראָענדיקע כמארע, האָבן די האנטווערקער־צענטראלעס געפירט א ברייטע אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט. אין בערך 600 שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן האנטווערקער־אָרגאניזאציעס מיט אריבער 200 טויזנט מיטגלידער. א נעץ פון קאָאָפּעראטיווע קאסעס פאר לאנג־ און קורץ־טערמיניקע קרעדיטן איז געשאפן געוואָרן. אין א ריי שטעט, ווי ווארשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, פּאביאניץ, ביאליסטאָק, ווילנע א״א זענען געגרינדעט געוואָרן איינקויף־שטעלעס פאר רוישטאָפן און פארקויפס־קאָאָפּעראטיוון פון יידישער אויסארבעטונג.

אינמיטן אָט די אלע דערגרייכונגען און בעתן שווערן גראנגל פארן נאקעטן קיום איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־שחיטה, און אין משך פון עטלעכע טעג געמאכט א תל פון אלעם.

זאָלן די אָנגעשריבענע שורות זיין א מצבה אויף די קברים פון דעם אומגעקומענעם לעבן פונעם פּוילישן יידנטום.

און אנדערע זענען כהרף־עין פארשוווּנד'ן פון דער וועלט. דאָס אַלץ צו צעשטערן פאדערן זיך מיליאָנען הענט, און זיי זע־נען ביי די דייטשן פאראן, און שטייען נאָך גרייט צו פארבייטן.

אווו איז דער דייטש? ווי הייסט ער? ווו וווינט ער, אָט דער דייטש, וואָס האָט דעם גרויסן צער נישט געקענט צוזען און כאָטש מיט א וואָרט אויסגערופן זיין געשריי קעגן דעם? ווי אזוי הייסט זי, די דייטשע פרוי, וואָס, האלטנדיק אירע קינדער אין די אָרעמס, איז גע־לאָפן זיך שיצן פון א לופט־אָנפאל, און האָט דערביי פארשאָלטן איר מאן און איר זון, אָדער איר שכן, וואָס זויפן בלוט פון אנדערע מאמעס און קינדער? זי האָט פארשאָלטן דעם ענגלישן, אמעריי־קאנישן אָדער רוסישן פליער, וואָס וויאַרפט די באָמבעס אויף איר שטאָט. בלויז וועגן אים ווייסט זי! און דו, מיין ליבער חבר, רעד נישט צו מיין געוויסן. קום נישט וועקן מיין סענטימענט צו קליינע קינדער. כ'וויל דערפון נישט וויסן. כ'וויל דערפון נישט הערן! זאָל מיין נקמה־געפיל נישט אָנגערירט ווערן. זאָל מיך מיין נקמה־געפיל נישט לאָזן צו רו אויף א מינוט. איך וויל אים האָבן מיט זיך. איך וויל אים פלעגן. איך וויל פון אים נישט אָפרייסן דאָס קאלענדער־בלעטער פון 1944. פארשטייסט, חבר!?

די נאכט האָט זיך שטיל צוגעהערט, איינגעשלונגען אין זיך א מיש־מאש פון געדאנקען, פון ציטער, פון זאָרג און פון א גרויסן ווייטיק.

מיר זענען אויף פאטרול. מיר שפּאַ־נען ווייטער...

---

# צו מיינע ברידער אין זוניקן לאנד

### פון מ. פאקנטרעגער / (רמת-הכובש)

און ווילט איר, ברידער וויסן;
און ווילט איר, ברידער, הערן,
וואָס כ'האָב מיט זיך געבראכט?
— א רענצעלע מיט טרערן.

נישט קיין טייערע קליידער
האָב איך געבראכט — כ'באדויער;
נאָר א קלומיקל מיט פיין
און א רענצעלע מיט טרויער. —

דאָס איז מיין גאנץ פארמעגן,
וואָס כ'האָב מיט זיך געבראכט,
מיט וועלכן כ'טראָג זיך אים
ביי טאָג און אויך ביי נאכט.

אַלץ האָב איך פארלוירן:
ברודער, טאטע־מאמען —
פארברענט אין געטאָ־מוירן,
אין פייער און אין פלאמען.

נאָר איינס איז מיר פארבליבן
אין הארץ, אין מיין נשמה:
צו נעמען, מיט געווער אין האנט
בלוטיקע נקמה.



# שרייבער און ביכער

## 25 יאָר ליטעראריש שאפן פון ל. חיין

דער שרייבער און קעמפער ל. חיין, דער ענערגישסטער און טעטיקסטער פון צווישן די יידישע שרייבער אין ארץ ישראל, פארצייכנט א דאטע, אן עפּאָכע — 25 יאָר! — אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

היינט־צו־טאָג איז זיך שווער פאָרצו־שטעלן א יידישע צייטונג אָדער זשור־נאל אין ארץ־ישראל אָן ל. חיין, אָן חיינס ווארעמער שילדערונג פון ברויזנ־דיקן ארום, אָן זיין הייס וואָרט קעגן שלעכטס. דער מוטיקסטער און רירעווי־דיקסטער, איז זיין וואָרט פול מיט פראָטעסט קעגן עוולה און שקר, קעגן חושך און אונטערדריקונג, קעגן זעלבסט־פארלייקענונג — סיי נאציאָנאלע, סיי סאָציאלע.

ער זעט די שיינקייט פון אמת אינעם האמער און אקער, אין מאשין און אין שייער.

און מעג זיין וואָרט זיין נישט אזוי געהובלט, און מעג זיין זאץ זיין נישט אזוי געשליפן — אין זיין נאָוועלע צי רעפּאָרטאזש, אין זיין ארטיקל צי נאָטיץ פילט איר דעם זוכער פון אמת, דעם קעמפער פאר פרייהייט, פאר גערעכטי־קייט, פאר א שענערן מאָרגן.

ווייל זיין שאפן איז אן אינטעגראלער טייל פון זיין טאָגטעגלעכן קאמף, זעט ער אלע שאָטנזייטן אין היגן לעבן, פונקט ווי ער באגייסטערט זיך פאר דאָס שיינע, פאר דאָס לויטערע.

אין אונדזערע גורלדיקע טעג, ווען דאָס וואָרט און די פּען גייען געשלייפט און געבונדן מיט דער ביקס און מיטן טאנק, אין קאמף פאר דער עצם עקזי־סטענץ פון די פעלקער, איז ל. חיינס הייסע יידישע וואָרט, דאָס פשוטע, דאָס טאָגטעגלעכע, דאָס אָרגאנישע אין קאמף פאר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק — א וואָגיקער צושטייער.

י. צ. ש.

## טשערניכאָווסקי־פרעמיע און די ראסן־טעאָריע

אינעם העברעישן קולטור־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פארוואָרצלען א שיינער מנהג: פרעמירן די בעסטע ווערק לויט פארשידענע שאפונגס־געביטן: פּאָעזיע, נאָוועלע, פיעסע, איבערזעצונג אא"וו. דאָס גיט די שרייבער און קינסטלער א סטימול און אויך א טיילווייזע מאטעריע־לע, אָבער נאָך מער מאָראלישע הילף און פּאָפּולאריטעט דעם קינסטלער. אזוי פירט זיך ביי אלע קולטור־פעלקער, און יידן קענען אין דעם פרט קיין אויסנאם נישט זיין. בדרך כלל גרינדן זיך די פרעמיע־פאָנדן אויף נעמען פון פערזענ־לעכקייטן, וועלכע האָבן פארנומען אן אויבנאָן־פלאץ אינעם געזעלשאפטלעכן פּאָליטישן, קולטורעלן, וויסנשאפטלעכן, קינסטלערישן און ליטעראַרישן לעבן. אין דער וועלט איז צום מערסטן באַ־קאנט די „נאָבל־פרעמיע". ביי אונדז אין ארץ־ישראל זענען שוין פאראן א היפּשע פּאָר פאָנדן אזעלכע אויף די נעמען פון ח. נ. ביאליק, מ. דיזענגאָף, הרב קוק קלמן בארלאס און לעצטנס אויך אויפן נאָמען פונעם פארשטאָרבענעם גרויסן העברעישן דיכטער שאול טשערני־כאָווסקי.

היי־יאָר איז די טשערניכאָווסקי־פרע־מיע פארטיילט געוואָרן פאר צוויי ווערק, וועלכע זענען איבערזעצט געוואָרן פון דייטש און העברעיש: „פסיכאָפּאטאלאָ־גיע" פון פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד און, „כנסת הרומנטיקה של היינה". און די צוויי איבערזעצער — ד"ר צ. וואָיס־לאָווסקי און ד"ר ש. פערלמאן האָבן בלי שום ספק פארדינט, אז זייערע ארבעטן זאָלן באקומען די אויסצייכענונג, בפרט ווען עס ווערט אונטערגעשטראָכן מצד די עקספּערטן, אז די „איבערזעצונגען זענען געמאכט געוואָרן אויף „א מוסטער־האפטן אופן". אָבער כאראקטעריסטיש איז, וואָס בעת דעם וויכוח ארום דעם ענין, ווען מען געהערט די פרעמיע, איז אויך געשטאנען די קאנדידאטור פון דער „פאוסט"־איבערזעצונג, וועמענס מחבר עס איז דער דייטש יאָהאן וואָלפ־גאנג פאָן־געטע. דער רוב פון די שופטים האָט אָבער אָפּגעוואָרפן „פאוסט", מחמת געטע איז א דייטשער גוי, בעת היינע און פרויד זענען דייטשע יידן.

ווילן מיר, חלילה, נישט פארמינערן די פארדינסטן פון ד"ר פערלמאן און ד"ר וואָיסלאָווסקי, און מיר נעמען זיך

פרייהייטלעכקייט. אָבער ווי באַלד זיי דערשמעקן, אַז ערגעצווו ראַיעט זיך רעאַקציע, פינצטערניש און מיטלאַלטערלעכער שימל, — דאַן זענען זיי טאָלעראַנט, ווייכהאַרציק און עס גייט זיי שוין נישט אָן, אין וועלכער שפּראַך דער שרץ טובלט זיך.

אונדז איז, למשל, באַוווּסט, אַז אין דעם־זעלבן זאַל „היכל המלאָכה“, האָבן די חבד״ער חסידים געפּראַוועט עפּעס אַ יאָרצייטל, בעת איין רבי האָט געהאַלטן אַ שעהדיקע דרשה צו אַן אַנדערן רבין, וואָס האָט זיך געקלעפּט, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט — אַלץ אין „טהרת האידיש“ — און אין זאַל האָבן זיך געפונען פאָרשטייער פון תל־אביבער שטאָט־ראַט, קרן־היסוד און אַנדערע „פּערזענלעכקייטן“ (נעמען ווילן מיר דאָ נישט דערמאָנען) — אָבער קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלן צו פּראָטעסטירן אָדער ווייזן אַ סימן פון אומצופרידנקייט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך נאָך פּאַסמאַקעוועט מיט דעם ריח פון דער „הויכער קולטור“ ר״ל, וואָס האָט זיך געהערט פון, דער דאָזיקער מסיבה.

נאָר מוקצה מחמת מיאוס ווערט יידיש דעמאָלט, ווען עס איז פאַרבונדן מיט אַ פייערונג לכבוד דער רויטער אַרמיי, אָדער ווען מ׳דאַרף איבערגעבן גרוסן פון לעבנגעבליבענע אינעם חרוב־געוואָרענעם יידישן אייראָפּע; גרוסן אין דער שפּראַך, מיט וועלכער אונדזערע מאַרטירער זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם און פאַרן כבוד פון אונדזער פאָלק.

אַזאַ יידיש איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט לויט זייער גייסט, נישט לויט זייער געשמאַק, — ווייל עס טראָגט אין זיך דעם ניצוץ אויך פון אַן אַנדערער וועלט.

איז, וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו וווּנדערן? —

מיר האָבן געלייענט און פאַרנאָטירט. אָבער אַריבערגיין איבער דעם ווען מיר נישט.

פ. שמ.

## א מסיבה פאר «די בריק»

דער ערשטער נומער פון אונדזער זשורנאַל האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. שוין דער פאַקט, וואָס די „געזעלשאַפט פריינט פון יידיש“ האָט געוויזן אירע מיטגלידער און סימפּאַטיקער, אַז זי הייבט־אָן פאַרווירקלעכן אירע אָנגעצייכנטע אויפגאַבן. און די גוט־באַזוכטע מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב דעם 2־טן דעצעמבער 1944, האָט דאָס פאַקטיש באַשטעטיקט.

ביי געדעקטע טישן האָט אַן עולם פון איבער 200 מענטשן פאַרבראַכט עטלעכע שעה און אויסגעהערט ערנסטע רייד וועגן יידישן שאַפן, וועגן יידישער קולטור און ליטעראַטור.

דאָס יידישע שאַפן אין ארץ־ישראל, דער ליטעראַרישער גאַנג פון אייניקע יידישע שרייבער, ווי פּאַפּיערניקאָוו און אַ. שמרי; דער שווערער וועג אונדזערער — פון „אָנהייב“ (ירושלים 1928), דורך די אויסגאַבן פון ליטעראַטן־קלוב, דורך די „שטאַמען“, „בלעטער“ ביז צו „די בריק“; די רדיפות און נגישות און דער קאָלעקטיווער געפיל, אַז יידיש פאַראייניקט אונדז מיט אונדזערע ברידער, די אומגעקומענע און געבליבענע אין דער צעבלוטיקטער אייראָפּע — דאָס זענען געווען די טעמעס, וועלכע עס האָבן מיט ערנסט באַריירט סיי דער פאָרזיצער ש. פּערלמוטער, סיי דניאל לייבל, י. צ. שאַרגעל און דער שלום־רעדנער זרובבל.

די באַגריסונג פון דער באַרימטער תל־אביבער פּרץ־ביבליאָטעק, געהאַלטן פון פריינט י. אַלסטער; די רעציטאַציעס פון ה. שוואַרצבערג און די אייגענע לידער, געלייענט פון י. צ. שאַרגעל און אַברהם לעוו, האָבן צוגעגעבן דער מסיבה פייערלעכקייט.

דאָס יידישע וואָרט אין ארץ־ישראל האָט זיך דערפילט חשוב און דערהויבן אין דער וואַרעמער סביבה.

צבי ש.

---

תקון טעות:

אין דער דערציילונג „אַ חלום“ פון אַ ר י ו ע ס אין נומער 1 „די בריק“ איז צו פאַרריכטן פאָלגנדיקער טעות:

זייט 10 שורה 2, אָנשטאָט: ג ר אָ ב ע ר, ש כ ל, דאַרף זיין: ג ר אָ ד ע ר שכל.

זייט 10 שורה 29, אָנשטאָט: ג ע צ ו י ג ן ו ו י ב ל י צ ן, דאַרף זיין: ג ע צ ו נ ד ן, ווי בליצן.

---

דעם דיכטער **י. ח. בילעצקי**

צו זיין חתונה —

אונדזער באַגריסונג

„די בריק“

---

דעם דיכטער **י. צ. שאַרגעל**

צום געבורט פון זיין ש ר ה ל ע

אונדזערע בעסטע ווינטשן

געזעלשאַפט פריינט פאַר יידיש אין ארץ־ישראל

---

דעם שרייבער **ל. חיין־שמעוני**

צו די 25 יאָר פון זיין ליטעראַרישן שאַפן

האַרציקע ברכות.

„די בריק“

---

## א דאנק

דעם יידישן זעלנער **פייוול טריימאַן** (איטאַליע)

פאַר זיין פרייוויליקער באַשטייערונג

1 פונט לטובת אונדזער זשורנאַל.

„די בריק“